IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**Paris**

by **Abraham Sutzkever**, translation by Annabel Cohen

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (November 2022)

For the online version of this article: [https://ingeveb.org/texts-and-translations/paris]

# Paris

Abraham Sutzkever
translated by Annie Cohen

**Introduction:** Abraham Sutzkever wrote “Paris” when staying in the city in December 1946, at the end of what was his first return to Europe after the Holocaust. During the war, Sutzkever was imprisoned with thousands of others in the Vilna ghetto, where both his mother and baby daughter were murdered. After escaping with a group of partisans, he and his wife were rescued by the Soviet Jewish Antifascist Committee and taken to Moscow. In 1946, after acting as a witness in the Nuremberg trials, he returned to Poland, only to witness another pogrom. He described this in his epic and heartbreaking farewell to his homeland, “To Poland,” written in 1946. Although published earlier, “Paris” should arguably be read as a sequel to “To Poland.” Having found the previously rich Polish Jewish life decimated beyond repair, Sutzkever decided to emigrate to Palestine. Like many others, he stopped in Paris, where — as the poem describes — he also began to take stock of what he had lived through. Looking out over the “city of all peoples,” away from the epicenter of his own trauma, Sutzkever finds he is able to breathe again, to rediscover his connection to the world, to humanity, and to his Jewish identity.

While Sutzkever’s ghetto poetry has become some of the most famous and haunting testimony of the horrors of the Holocaust, his later poems, many of them dealing with the aftermath of this trauma, are less well-known, particularly in the anglophone world. I discovered this poem on a Yiddish summer program in Paris in 2018. I had just started a research internship at the Wiener Library for Holocaust and Genocide in London, and was already feeling overwhelmed by the testimonies I was reading. Along with my friend and fellow Yiddishist Tamara Micner, I was also developing a workshop looking at inherited Holocaust trauma in Jewish communities. Trying to find sources that might introduce some hope and inspiration amongst the despair, Sutzkever’s “Paris” immediately grabbed me, and I decided to include it in our materials. We read “Paris” to conclude the workshop, and I have since used it to conclude other classes I’ve taught on the Holocaust, as well as with my intermediate Yiddish students. Sutzkever’s “shlog of hope” — mustered despite everything he had been through — is a much-needed balm for the scars of the past in a world where many of the lessons of history remain unlearned.

*Thanks to Natalia Krynicka and Tal Hever-Chybowski for their help with this translation in its early stages, and to them and all my teachers at the Paris Yiddish Center for helping me to lose and find myself in Yiddish Pariz.*

# Paris

I
The evening sun defends the Sacre Coeur against night's fall.
Here, out of a thousand colours it forges itself a barricade.
Having winged my way towards the hill, I sense, reaching me from all
Corners of the world, the figures of wanderers, strays.
I breathe in deeper, like a man half-drowned
My wonderworld – lost in the days of decimation.
"Let in the light, extinguished eye; muted ear - resound;
And drink in the heady syllables of a new day's composition!"

II
I made myself a promise in mud-sunken nights:
That snakelike trials would not poison me before
My breath had ceased. I would not be enslaved.
My voice would roam, distinct, through all the clamour.
To the tips of my fingers, I would stay true and brave
Enough to offer everyone comfort and succour. Now
As Ashmedai lies choking in the web that he has made,
I give my word once more: I will fulfill this vow.

III
Have you ever seen an eagle in furious flight
As it weighs up a storm on its wings, thus and thus?
So beats my mind under the weight of bygone nights.
It swerves, drops. Soon crashing down on brick and blood.
Fallen, it seems! But then inside, another thud
Of hope. It rises higher through the clouds, circling nearer,
Until its wings break through and touch
A day that shines as bright as a diamond in a mirror.

IV
What do you bring me, invisible eagle, you - a thought?
What prey do you boast in your claws?
You saw my hometown in its final flicker, and hot,
Like a kiss at the scaffolds, its mark on you still glows.
Reveal your truth! While below, incandescent,
The towering city of all peoples shimmers out its anthem.
I know that from that past, you are the only present,
No hand can make you yield, you cannot succumb.

V
Salute the city, where every stranger finds their face

Where humans are *human*, with all their joys, despairs and wants.
I drink in the city's stony wine here, at this place,
The Sacre Coeur, girded by a sunbeam reflected in the streetlamps.
Ghosts hover here. They flutter into my embrace.
Fanfares played long ago still linger, haunt
And freedom has not yet grown old and shrunken-hard
But stays young, like her roses by the wall of Communards.

VI
I saw King Ramses in the Louvre. The next moment –
I heard a distant sandy cry. From Egypt
Entombed in a wall, a boy beamed his lament.
Why is he only now demanding answers from his crypt?
Is he mine, this boy, from countless days and nights long spent?
Who drums into my spinning skull: run, free him, fast?
I ran. The Louvre watched me with intent
To see I carry out this most unusual task.

VII
Of course, it is no blessing, that every stride
Is followed by an ancestral shudder. Still, I can also pave
A sunbeam path from the boy to Sinai's mountainside.
And from the ten commandments, from desert-wasted slaves,
To Albert Einstein, in whom time itself confides
Cutting through his temples in endless loops and waves.
So too my consolation: from *my* foundations, too, will rise
Tomorrow's wonder, leaving future minds amazed.

VIII
I leave my trial with the world to my people, tried-and-true,
We know: hatred is a boomerang that comes back to the thrower.
I see my forebears sparkle over land and oceans-blue,
In sprawling cities, far-flung nooks, in wilderness, and snow.
No flame consumed my folk, for they themselves are flame.
They go their way through inquisition, axe and murderous bands;
And if they fall - well, in that moment fate is *not* with them
But they wrestle, and they grow like wheat in a sandy land.

IX
I observe the wandering of the wander-folk in me.
I say a prayer to a transparent, polished clearness.
The clarity of a poet when, momentarily
His work reveals to him the unexplored abyss.
A clearness like cold steel. Like those mountain peaks and capes
That do not darken, though night's waters start to drip.

They don’t get dark. A multitude of lights descends upon their napes -
Like bright white seagulls coming to rest on ships.

X
The city draws close. Its anthem burns. I shut,
close tight my eyes so that the fire doesn’t flee.
On mirrored feet towards me the streets clamber up,
And, like sheaves in a barn, into the night, they dream.
The sunbeam path lives in me. The voice from the Louvre
Also hides within. It’s evening. The bells ring out freer.
I greet the day that found me in Paris, here
I greet the night, and all those loved and dear.

# פּאַריז

I
די אָוונטזון באַשיצט אַקעגן נאַכט דעם סאַקרע־קער.
אויס טויזנט פֿאַרבן שמידט זי דאָ פֿאַר זיך אַ באַריקאַדע.
אַ צוגעפֿליגלטער צום באַרג פֿאַרנעם איך, ווי אַהער
דערגרייכן מיך פֿון העקן וועלט געשטאַלטן נע־ונדע.
און ווי אַ האַלב דערטרונקענער, איך אָטעם איַין אלץ מער
מיַין ווונדערוועלט, פֿאַרלוירן אין דער אומקומצייַט אַוודאי.
– אַנטפֿינצטער זיך, פֿאַרלאָשן אויג, ווער קלאַנגיק, מיַין געהער,
און טרינקט זיך אָן מיט זילבן פֿון אַ נייַער לידעריאַדע!

II
אַ נדר האָב איך זיך געטאָן אין זומפּעדיקע נעכט:
דער שלאַנגיקער נסיון זאָל מיך ניט פֿאַרגיפֿטן, איידער
מיַין אָטעם וועט זיך אָפּשטעלן. איך זאָל ניט זיַין געקנעכט.
מיַין שטים זאָל וואַנדערן באַזונדער צווישן אלע ריידער.
גענוג פֿאַר מיַינע פֿינגער זאָל איך זיַין גערעכט און עכט,
במילא שוין פֿאַר אַלעמען אַ טרייסטער און באַשיידער.
אַצינד, ווען ס׳איז דער אַשמדאַי דערשטיקט אין זיַין געפֿלעכט,–
באַשווער איך זיך אַ צווייטן מאָל צום אויספֿירן דעם נדר.

III
האָסטו געזען אַן אָדלער אין זיַין שטורמישן געיאָג
בשעת ער וועגט דעם שטורעם הין און הער אויף זיַינע פֿליגל?
אַזוי אָ פֿלאַטערט מיַין געדאַנק און וועגט דעם נעכטנס וואָג.
ער בייגט זיך, פֿאַלט. אָט קראַכט ער באַלד אַראָפּ אויף בלוט און ציגל.–
געפֿאַלן דאַכט זיך! אָבער ווידער גיט אין אים אַ שלאָג
די האָפֿענונג. ער הייבט זיך העכער, העכער אין אַן עיגול,
ברעכט דורך די וואָלקנס, און די פֿליגל טאַפּן אָן אַ טאָג
וואָס פֿינקלט לויטער־ליכטיק ווי אַ דימענט אין אַ שפּיגל.

IV
וואָס ברענגסטו מיר, דו אָדלער אומגעזעענער, – געדאַנק?
מיט וואָסער פֿאַנג אין דיַינע נעגל קענסטו זיך באַרימען?
דו האָסט דאָך צוגעזען מיַין היימשטאָט אין איר לעכטן צאַנק
און ווי אַ קוש בייַם עשאַפֿאָט אויף דיר נאָך גליט איר סימן.
אנטפּלעק דיַין אמת! ווען דאָרט אונטן, איידלשטיינק־בלאַנק
אַ טורעמדיקע שימערט אויס די פֿעלקערשטאָט איר הימען.
איך ווייס: פֿון דאָס פֿאַרגאַנגענע ביסט אייַנציקער געשאַנק,
ניטאָ די האַנט וואָס זאָל דיך קענען אייַנבייגן, פֿאַרקרימען.

V
סאַלוט דער שטאָט, ווו עס געפֿינט זיַין פּנים יעדער גר,

ווי מענטש איז מ ע נ ט ש, מיר זײַנע פֿריידן, בענקשאַפֿטן און צערן.
איך טרינק דעם שטיינערדיקן ווײַן פֿון שטאָט, אויף סאַקרע־קער,
אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שורה זון אין די פֿאַנאַרן.
דאָ שוועבן גײַסטער. פֿלאַטערן אַרײַן אין מײַן באַגער.
דאָ לעבן אין דער לופֿטן לאַנג פֿאַרקלונגענע פֿאַנפֿאַרן.
און פֿרײַהייט איז ניט אַלט געוואָרן, אײַנגעשרומפּן־שווער,
נאָר יונג, ווי אירע רויזן בײַ דער וואַנט פֿון קאָמונאַרן.

VI

איך האָב געזען אין לוּוור מלך רעמסס. מיט אַ מאָל
דערהערט אַ זאַמדיקן געוויין. דאָס האָט מיר פֿון מצרים
אַ ייִנגל אין אַ וואַנט פֿאַרמויערט אויסגעגליט זײַן קול.
ניט שוין זשע מאָנט פֿאַרענטפֿערונג די ווײַטע שטים עד היום?
איז מײַנס דאָס ייִנגל פֿון צוריק־מעת־לעתן אָן אַ צאָל?
ווער פּויקט עס מיר אין ווירבלדיקן שאַרבן: לויף באַפֿרײַ אים?
איך בין געלאָפֿן. ס'האָט דער לוּוור נאָכגעקוקט, איך זאָל
די אויסטערלישע מאָנונג זײַן מקיים.

VII

אַוודאי איז דאָס ניט קיין ברכה, ווען אויף יעדער טראָט
גייט נאָך דער שוידער־ייִחוס. נאָר איך קען דאָך אויך באַשאַפֿן
אַ שטראַלנוועג וואָס פֿירט פֿון ייִנגל צו די צען געבאָט.
און פֿון די צען געבאָט, פֿון מידע מידברדיקע שקלאַפֿן –
צו אַלבערט אײַנשטיין, וואָס די צײַט האָט אים פֿאַרטרויט איר סוד
און דורכגעשניטן דורך זײַן שלייף אומענדלעכע געלאַפֿן.
אַזאַ מײַן טרייסט: ארויסוואַקסן וועט אויך פֿון מ ײַ ן יסוד
אַ ווונדער, און די גאַפֿנדיקע מאָרגנטעג - פֿאַרגאַפֿן.

VIII

מײַן מישפּט מיט דער וועלט געטרוי איך מײַן געפּרוּווטן שטאַם,
ער ווייס: אַ בומעראַנג צוריק אין וואַרפֿער איז די שׂינאה.
איך זע, ווי ער איז אויסגעשטערנט איבער לאַנד און ים,
אין ריזנשטעט, אין שניי, מידבריות, העקן אוראַלט־גרינע.
פֿאַרשלונגען האָט אים ניט קיין פֿלאַם, ווײַל ער אַליין איז פֿלאַם.
ער גייט זײַן וועג דורך אינקוויזיציע, האַק און גילאָטינע;
און פֿאַלט ער, – איז דער גורל דעמאָלט נ י ט מיט אים צוזאַם
און ראַנגלט זיך, און זאַנגלט זיך אין אַ זאַמדיקער מדינה.

IX

דורך מיר אַליין דעם וואַנדער פֿונעם וואַנדערפֿאָלק איך מערק.
און תּפֿילה טו איך צו אַ קלאָרקייט דורכזעיִק געשליפֿן.
אַ קלאָרקייט, ווי בײַם דיכטער ווען עס עפֿנט אים זײַן ווערק
אַ רגע בלויז די ניט־אַנטפּלעקטע אָפּגרונטן און טיפֿן.
אַ קלאָרקייט ווי אַ קאַלטער שטאָל. ווי יענע שפּיצן בערג
וואָס טונקלען ניט, כאָטש נאַכטיק וואַסער הייבט שוין אָן צו טריפֿן.

זיי טונקלען ניט. אַ מחנה ליכטער נידערט אויף די קערק –
ווי שטראַלנדיקע מעוועס קומען אָפּרוען אויף שיפֿן.

X
ס׳דערנענטערט זיך אַלץ מער די שטאָט. איר הימען ברענט. איך שליס,
פֿאַרמאַך די אויגן, ניט אַנטלויפֿן זאָל פֿון מיר דאָס פֿײַער.
די גאַסן קלעטערן צו מיר אויף שפּיגלדיקע פֿיס
און חלומען אַרײַן אויף נאַכט ווי גאַרבן אין אַ שײַער.
עס לעבט אין מיר דער שטראַלנוועג. די שטים פֿון לוּוור איז
באַהאַלטן אויך. עס קלינגען גלעקער אָוונטיקער, פֿרײַער.
אַ גרוס דעם טאָג וואָס האָט מיך אָפּגעפֿונען אין פּאַריז.
אַ גרוס דער נאַכט, און אַלע די וואָס זענען ליב און טײַער.